15 בשום אופן מער נישט געפונען. די דאָזיקע סוחרים,
וואָס זענען פון איר רייך געוואָרן, וועלן שטיין
פונדערווייטנס צוליב דער אימה פון אירע ליידן, און
16 וועלן וויינען און טרויערן, זאָגנדיק: וויי, וויי, די
גרויסע שטאָט, וואָס איז געווען אָנגעטון אין
זיידנס און פּורפּור און שאַרלאַך, און אויסגעצירט
מיט גאָלד און קאָסטבאַרע שטיינער און פּערל!
17 אַז אין איין (איינציקער) שעה איז אַזאַ עשירות
חרוב געוואָרן. און יעדער שיפסקאַפּיטאַן, און
יעדער איינער, וואָס פאָרט (פון אָרט) צו אָרט אויף
אַ שיף, און רודערער, און אַלע, וועלכע אַרבעטן
18 אויפן ים, זענען געשטאַנען פונדערווייטנס, און
האָבן געשריגן, זעענדיק דעם רויך פון איר שׂרפה,
אַזוי צו זאָגן: ווער (צווישן שטעט) איז גלייך צו
19 דער גרויסער שטאָט? און האָבן געוואָרפן שטויב
אויף זייערע קעפּ, און געשריגן, וויינענדיק און
קלאָגנדיק, אַזוי צו זאָגן: וויי, וויי, דו גרויסע
שטאָט! אין וועלכער עס זענען רייך געוואָרן
אַלע, וואָס האָבן געהאַט שיפן אויפן ים, פון איר
וואוילשטאַנד! אַז אין איין (איינציקער) שעה איז
20 זי חרוב געוואָרן. פריי דיך איבער איר, אָ הימל,
און די קדושים, און די שליחים, און די נביאים;
ווייל ג־ט האָט געמשפּט אייער משפּט אויף
איר.
21 און אַ שטאַרקער מלאך האָט אויפגעהויבן אַ שטיין,
ווי אַ גרויסער מילשטיין, און אים געוואָרפן אין
ים אַריין, זאָגנדיק: מיט אַזאַ אימפּעט אַ וועט
בבל, די גרויסע שטאָט, צעוואָרפן ווערן, און
22 זיך שוין מער נישט געפינען! און קיין קלאַנג פון
האַרפנשפּילער און זינגער און שפּילער אויף אַ
פלייט און טרומייטערער וועט שוין מער נישט